גוט שבת אלע אידן. רבי יצחק מאיר פון גור, דער בעל חידושי הרי"ם זי"ע האט אמאל דערציילט בשעתן לעכט צינדען וועגן א גרופע חסידים וואס זענען געקומען אמאל קיין לובלין אין חנוכה צו זען דעם חוזה זי"ע. איינער פון די חסידים האט געגעבן צום חוזה א קוויטל וואס איז געשטאנען אויף עס א נאמען פון אן אנדערען חסיד. דער צדיק האט געגעבן א קוק אויפן קוויטל און געגעבן א שפיי אויס. שפעטער אין די זעלבע נאכט האט דער חסיד פרובירט נאכאמאל צו געבען דעם קוויטל צום רבי'ן נאכאמאל. די מאל האט דער חוזה געקוקט אויפן קוויטל און געזאגט "דער איד לייכט אויף די וועלט!" נאכדעם האט ער צוגעלייגט, "די ערשטע מאל ווען איך האב געזען דעם קוויטל האט יענער געשפילט קארטען... די מאל צינדט ער די חנוכה לעכט!"

עס זענען דא אסאך פשטים אויף דאס וואס מען רופט דעם יום טוב "חנוכה." בפשטות, קומט דאס ווארט חנוכה פון דעם לשון פון צוריקבויען און מאכן ניי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "מזמור שיר חנכת הבית..." (תהילים ל,א) די יוונים האבן מטמא געווען דעם בית המקדש, ברענגענדיג א חזיר אויפ'ן מזבח רח"ל. די חשמונאים האבן נאכדעם געריינינגט דעם בית המקדש, אזוי ווי מען זאגט אין "על הנסים": "...וטהרו את מקדשך..." פון דא זעט מען אז דער יום טוב ווערט אנגערופן "חנוכה" ווייל מען פרייט זיך אז די חשמונאים האבן מטהר געווען דעם בית המקדש.

עס ליגט אבער אין דאס ווארט "חנוכה" אפשר א טיפערער כוונה. דער אייבערשטער האט אונז באפוילן: "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם." (שמות כה,ח) לכאורה האט געדארפט שטיין "בתוכה." זאגן די ספרים הקדושים, "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם." מיינט אז מיר זאלן זיך מאכן ראוי צו השראת השכינה, ווייל "בתוכם" באציט זיך אויף די בני ישראל.

וויבאלד חנוכה איז א זמן פון "וטהרו את מקדשך..." און אזוי ווי מען האט יעצט געזאגט אז יעדער איד איז דער אייבערשטער'ס מקדש, קומט אויס אז יעדער איד האט א געוואלדיגע געלעגענהייט זיך צו מטהר זיין און תשובה צו טון אין חנוכה. אפילו מיר האלטן יעצט אין די לעצטע טעג פון חנוכה, קענען מיר נאך אלץ זיך מחזק זיין.

רבי שלמה פון קארלין זי"ע האט געהאלטן אז וואקסענע לעכט זענען די מערסטע מהודר'דיגע לעכט צו נוצן פאר חנוכה לעכט, אפילו עס ווערט געברענגט אז לכתחילה זאל מען נוצן אויל מיט קנויטען. ווייל די וואקסענע לעכט לאזן א שטערקערען רושם אויפן וואנט לעבן דער מנורה און די רושם איז דעם רושם פון א מצוה וואס האט א געוואלדיגע שמירה.

עס איז אויסגעקומען איין יאר אז רבי שלמה האט געהאט עפעס אן אונס און ער האט געדארפט מקיים זיין די מצוה פון חנוכה לעכט מיט אויל און קנויטען. די יאר איז ליידער געשען א קליינעם פייער, און די וואנט לעבן זיין מנורה איז אפגעבריט געווארן אביסל. רב שלמה האט זיך מורא'דיג געפריידט. אפילו ער האט נישט געקענט מקיים זיין די מצוה לויט זיין אייגענע מנהג, האט ער די יאר געהאט אויף יענעם וואנט דעם רושם פון דער מצוה!

אין די צייט ווען רבי יצחק אייזיק פון זידיטשוב האט געגעסן "קעסט" ביי זיין שווער רבי אברהם פון סטרעטין, האט ער באמערקט אז זיין שווער פלעגט זיצן א לאנגע צייט ביי די לעכט זאגן פסוקים פון תהילים און זינגען זמירות. רבי יצחק אייזיק האט זיך זייער געוואונדערט ווייל זיין אייגענע טאטע פלעגט זיצן ביי די לעכט נאר א פערטל שעה. ער האט געפרעגט זיין טאטען די פשט פון דעם.

רבי יצחק אייזיק'ס טאטע'ס תשובה איז געווען מורא'דיג און עס האט געוויזן דאס דביקות וואס איז דא ביי צדיקים. "מיין זון," האט ער אנגעהויבן צו זאגן, "עס איז טאקע א נס אז ווען איך מאך א ברכה אויף די לעכט, ווער איך נישט אויפגעברענט צוזאמען מיט די לעכט (מרוב הדביקות). און דו האסט געוואלט אז איך זאל זיך אריינלאזן אין א סכנה און בלייבן ביי די לעכט א לענגערע צייט?!?"

זאגט דער רמב"ם, "מצוות נר חנוכה, מצוה חביבה עד מאוד." די מצוה פון חנוכה לעכט איז זייער א באליבטע מצוה. (זמנים ד, יב) מען ברענגט אויך כסדר די ווערטער פון דעם הייליגען מאור עינים זי"ע אויף די מאמר חז"ל "פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהן בשבת מדליקין בהן בחנוכה," ד"ה די קנויטען און די אוילן וואס מען קען נישט נוצן פאר שבת לעכט, קענען מיר מיט די מיני קנויטען און אוילן מקיים זיין די מצוה פון חנוכה לעכט. (חנוכה כא:) זאגט דער מאור עינים זי"ע, אז די חז"ל איז מרמז אויף די כח פונעם יום טוב פון חנוכה. אפילו איינער וואס שפירט נישט די קדושה אין שבת, האט דאך יא אן עליה אין חנוכה. מען זעט די ענין בחוש ביי פרייע אידן אין אמעריקע. אפילו זיי היטן נישט קיין שבת רח"ל, ווערען זיי אלע נתעורר יעדעס יאר ביי חנוכה.

עס איז אויך אינטערעסאנט צו באמערקן אז די פרייע אידן זענען אזוי מקפיד אויף א יום טוב אין וואס מיר פרייען זיך אז מיר האבן געוואונען קעגען די יוונים וואס האבן געוואלט אסימילירען די אידן. מען זעט פון דעם, דעם כח פונעם חנוכה. אויב עס האט א כח צו מעורר זיין שוואכע אידן, איז קל וחומר האט חנוכה א געוואלדיגע כח צו מעורר זיין אידן וואס זענען מדקדק במצוות. דורך מכוון זיין ביי די חנוכה ליכט צינדען קענען מיר אלע זוכה זיין צו דעם אור הגנוז מיט אלע השפעות טובות. גוט שבת אלע אידן.

# א פרייליכען חנוכה אלע אידן

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה

**על פי פסק הרבנים דף זה שמות**